**די סטעיט עדיוקעישאן דעפארטמענט** די אוניווערזיטעט פון די סטעיט ניו יארק \ אלבאני, ניו יארק 12234

Jhone M. Ebert, סיניער דעפיוטי קאמישאנער פאר עדיוקעישאן פאליסי
Education Building, Room 2M EB (518) 474-3862
Washington Avenue 89
Albany, NY 12234
jhone.ebert@nysed.gov

פעברואר 27, 2017

צו: דיסטריקט סופעראינטענדענטס
סופעראינטענדענטס פון פובליק שולעס
פרינציפאלס פון פובליק שולעס
אדמיניסטראטארס פון נישט-פובליק און טשארטער שולעס

פון: Jhone M. Ebert, סיניער דעפיוטי קאמישאנער

טעמע: אוועילעבל אנווייזונגען און הילפסמיטלען צו באקעמפן סעקירונג, טשעפען און דיסקרימינאציע אין שולעס אין ליכט פון די לעצטיגע אימיגראציע-פארבינדענע שריט

אין די לעצטע וואכן זענען ערשינען באריכטן אין די פרעסע איבער אינצידענטן פון טשעפענען, דיסקרימינאציע און סעקירונג אין שולעס דורכאויס דעם לאנד. אין צוגאב, זענען געווען לעצטיגע אימיגראציע-פארבינדענע שריט דורך פעדעראלע באאמטע וואס האבן געשאפן שרעק און צעמישעניש דורכאויס דעם לאנד. די ניו יארק סטעיט עדיוקעישאן דעפארטמענט (New York State Education Department - "NYSED" אדער "דער דעפארטמענט") נעמט זייער ערנסט סיי וועלכע שריט וואס שעדיגט דעם שולע אטמאספער אין וועלכן אונזערע סטודענטן קומען לערנען יעדן טאג. אין ניו יארק סטעיט, האבן אדוואקאטן, עלטערן און שולע שטאב געבעטן דעם דעפארטמענט אויסצובררייטערן און אויפבויען עקזיסטירנדע אנווייזונגען און הילפסמיטלען צו באקעמפן סעקירונג, טשעפען און דיסקרימינאציע, ווי אויך צו פארמערן באמיאונגען צו אויפבויען און אנהאלטן פאזיטיווע שולע אטמאספערן לויט דעם 'רעספעקט פאר אלע סטודענטן אקט' (Dignity for All Students Act - "DASA" אדער "דער רעספעקט אקט").

ניו יארק סטעיט'ס רעספעקט אקט איז אריינגעשריבן געווארן אינעם געזעץ אין 2012 צוזשטעלן פאר סטודענטן א זיכערע און שטיצנדע אומגעבונג פריי פון דיסקרימינאציע, סעקירונג און טשעפען אויף שולע פראפערטי, א שולע באס און\אדער א שולע אויספלוג, און איז געווארן אויסגעבעסערט אין 2013 איינצושליסן סייבער-טשעפען.[1] דער געזעץ פארלאנגט פון שולעס צוזשטעלן פאר סטודענטן, מענטשן וואס זענען אין טאטע\מאמע'ס ראלעס, און שטאב אינפארמאציע איבער DASA און צו העלפן אנטוויקלען פאליסיס און פראצעדורן וואס פארלאנגען א זיכערע שולע אומגעבונג. ספעציפיש, פאדערט DASA אז שולע דיסטריקטס זאלן אנטוויקלען רעגולאציעס פון אויפפירונג וואס פארבאטן סעקירונג, טשעפען (אריינגערעכנט סייבער-טשעפען), און דיסקרימינאציע אנטקעגן סטודענטן דורך אנדערע סטודענטן אדער שולע איינגעשטעלטע, ווי אויך געזעצן פארן רעאגירן צו אינצידענטן פון דיסקרימינאציע און סעקירונג און באריכטן אזעלכע אינצידענטן צו NYSED.

ווי געשילדערט אונטן, האט NYSED, אינאיינעם מיט די ניו יארק סטעיט אפיס פון די אטוירני דזשענעראל (Office of the Attorney General - "OAG"), ארויסגעגעבן אנווייזונגען און הילפסמיטלען צו העלפן שולע שטאב, סטודענטן און עלטערן באריכטן און אדרעסירן אינצידענטן פון סעקירונג, טשעפען און דיסקרימינאציע. א געמיינזאמע אנווייזונג דאקומענט וואס איז ארויסגעגעבן געווארן דורך NYSED און די OAG אין אויגוסט 2016 פארמאגט א ביישפיל פארעם פארן באריכטן און אויספארשן DASA אינצידענטן.[2] די דעפארטמענט וויל הייבן אט די וויכטיגע ארבעט דורכן דערמאנען פאר שולעס און פאמיליעס אז אנווייזונג און טעכנישע הילף אנבאלאנגט DASA און זיכערע און שטיצנדע שולעס זענען אוועילעבל פונעם דעפארטמענט.

---

[1] פאר נאך אנווייזונג און הילפסמיטלען פארבינדן צום רעספעקט אקט, ביטע באזוכט: http://www.p12.nysed.gov/dignityact/.

[2] די אנווייזונג קען מען טרעפן ביי

NYSED מוטיגט דיסטריקטס, עלטערן און גארדיענס וועלכע האבן פראגעס וועגן DASA זיך צו פארבינדן מיטן NYSED פאר אנווייזונג און טעכנישע הילף אנבאלאנגט געהעריגע אויספארשונג פראטאקאלן און פראצעדורן און בעסטע איינפירונגען ביים שאפן און אנהאלטן א זיכערע און שטיצנדע שולע אומגעבונג. מען קען זיך פארבינדן מיטן דעפארטמענט אויף:

- The Office of Bilingual Education and World Languages (OBEWL) אויף (718) -722 2445 אדער obewl@nysed.gov , *or*
- The Office of Student Support Services (SSS) אויף (518) 486-6090 אדער studentsupportservices@nysed.gov .

אין צוגאב, קענען מענטשן מיט פראגעס אנבאלאנגט DASA וועלכע דארפן שפראך הילף זיך פארבינדן מיטן Language Regional Bilingual Education Resource Network (RBERN) עלטערן האטליין, וואס געפינט זיך אינעם ניו יארק אוניווערזיטעט (New York University - "NYU") אויף:

- אויספולן א פראגע פארעם דא
- טעלעפאן: (800) 469-8224
- פאקס: (212) 995-4199
- אימעיל: nysparenthotline@nyu.edu
- פאסט: NYS ELL Parent Hotline Team<br>c/o NYS Statewide Language RBERN at NYU MetroCenter<br>726 Broadway – 5th Floor<br>New York, NY 10003

מען קען אויך אפעלירן א דיסטריקט'ס עקשאן לויט עדיוקעישאן געזעץ §310. עדיוקעישאן געזעץ §310 זאגט אז אזעלכע וואס האלטן אז זיי זענען באטראפן דורך א שריט וואס איז גענומען געווארן ביי א שולע דיסטריקט זיצונג אדער דורך שולע אויטאריטעטן קענען אפעלירן צום קאמישאנער פון עדיוקעישאן פאר אן איבערזיכט פון אזא שריט. אינפארמאציע איבער אריינגעבן אפילעס איז אוועילעבל אין ענגליש, שפאניש, אראביש, כיזעניש (סימפליפייד), בענגאלי, און העישען קריאל ביי: www.counsel.nysed.gov.

ביטע באמערקט אז די דעפארטמענט איז פארפליכטעט צו היטן אויפן פריוואטקייט פון פערזענליך אידענטיפיצירבארע סטודענט שטאפל אינפארמאציע און באהאנדלט אלע אזעלכע אינפארמאציע אין איינקלאנג מיט די גילטיגע פריוואטקייט געזעצן און רעגולאציעס, אריינגערעכנט די פעדעראלע Family Educational Rights and Privacy Act ("FERPA").

די דעפארטמענט וועט ארויסגעבן הילפסמיטלען פאר עלטערן, גארדיענס און אנדערע אינטערעסירטע מענטשן אנבאלאנגט DASA, איבערגעזעצט צו די העכסטע צען שפראכן וואס ווערן גערעדט דורכאויס ניו יארק סטעיט.

אין צוגאב, האט NYSED אידענטיפיצירט די פאלגנדע הילפסמיטלען און געצייג וואס קענען העלפן שולע שטאב, סטודענטן, עלטערן און קאמיוניטיס. ביטע נוצט די הילפסמיטלען וואו שייך, און שליסט זיך אן מיט אונז אין אונזערע באמיאונגען צו פארזיכערן די זיכערהייט און געזונטהייט פון אלע קינדער דורך פאראייניגן די צילן מיט אייער שולע'ס קאמיוניטי'ס צילן און געברויכן.

- NYSED און NYS אטורני דזשענעראל'ס בריוו צו דיסטריקט סופעראינטענדענטס און אנווייזונגען: http://www.p12.nysed.gov/dignityact/documents/SED-AGLttrandGuidance8-31-16.pdf

- אדרעסירן טשעפען, סעקירן, באליידיגונג, און דיסקרימינאציע אין אונזערע שולעס: http://www.p12.nysed.gov/dignityact/documents/PreventBullyingInYourSchool_Nov2016.pdf
- מאדעל טרענירונג מאטריאלן צו העלפו שולע דיסטריקטס ביים טרענירן שולע איינגעשטעלטע: https://ag.ny.gov/sites/default/files/dasa_training_materials_final_-_8.30.16.pdf
- רעספעקט פאר אלע סטודענטן אקט, אריינגערעכנט א "ריסאורס און צוגעזאגטע איינפירונגען וועגווייזער פאר שולע אדמיניסטראטארס און פאקולטי" מיט נאך אנווייזונגען און געצייג איבער שאפן זיכערע און שטיצנדע שולעס: http://www.p12.nysed.gov/dignityact
- ניו יארק סטעיט צענטער פאר שולע זיכערהייט שנעלע לינק ריסאורסעס פאר לערנען טאלעראנץ, און אנהאלטן זיכערע און געזונטע לערנען אומגעבונגען: http://www.nyscfss.org/#!quick-links/c13iz
- NYSED אינפארמאציע איבער שולע עמערדזשענסי רעאקציע פלאנירונג און גייסטישע געזונטהייט הילפסמיטלען פאר שולעס: http://www.p12.nysed.gov/sss/ssae/schoolsafety/save/
- ניו יארק סטעיט צענטער פאר שולע געזונטהייט אפדעיטעד גייסטישע געזונטהייט און באראטונג ריסאורסעס בלאט: https://www.schoolhealthny.com/site/default.aspx?PageType=3&ModuleInstanceID=190&ViewID=7b97f7ed-8e5e-4120-848f-a8b4987d588f&RenderLoc=0&FlexDataID=108&PageID=126

נאכאמאל, א דאנק פאר אייערע באמיאונגען יעדן טאג צו שטיצן אונזערע סטודענטן, פאמיליעס, און קאמיוניטיס דורכאויס ניו יארק סטעיט. ווען מיר שטייען צוזאמען, קענען מיר מאכן זיכער אז אונזערע סטודענטן און שולע קאמיוניטיס שפירן פארזיכערט און געשטיצט אין זייערע שולע אומגעבונגען. אזוי ווי שטענדיג, ביטע פארבינדט זיך מיט אונז אויב זאלט איר דארפן איבערשמועסן די וויכטיגע טעמעס אדער מיטטיילן סיי וועלכע זארגן דורכן זיך פארבינדן מיטן אפיס פאר סטודענט שטיצע סערוויסעס אויף 518-486-6090 אדער studentsupportservices@nysed.gov אדער the Office of Bilingual Education and World Languages ביי 718-722-2445, אדער obewl@nysed.gov .